# זע

זע, מיר קומען ווידער
מיט אַ גלויביק וואָרט
פֿון טרויעריקע לידער
צום טרויעריקן אָרט.
נאָכאַמאָל מיט תּמימות,
צום טרויעריקן מענטש
נאָך אַזויפֿיל קללות
זאָגן פֿרום: איך בענטש.
צו ווערן צוריק באַהאַפֿטן
מיט גאָטס ליכט, וואָס שטראַמט
אין תּהום פֿון אַלע דורות —
אויך אין אונדזער תּהום.
יאָ, מיר קומען ווידער
פֿאַרעלטערט שוין און גראָ,
עקשנותדיק צו טענהן
מיר זענען ווידער דאָ.
און אָטעם צו פֿאַרהיטן
פֿון אַ לעצטן ייִד.
אַ קבר צו פֿאַרשיטן —
דעם יאוש פֿון געמיט.
מיט חכמה פֿון דעם לעבן
צו פֿאַרהילן דעם טויט
וואָס וועט סיי־ווי שוין קלעפּן
צו יעדן ביסן ברויט.
זע, מיר קומען ווידער
מיט אַ גלויביק וואָרט
פֿון טרויעריקע לידער
צום טרויעריקן אָרט.